# טעמו וראו

מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה
הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

• גילין נ"ב בין המצרים - תש"פ •

## די אבילות אויפן חורבן ביהמ"ק

די דריי וואכן פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב שטעלן אויס אסאך שאלות ארום זיי.

**ווי קומט מען צו זיך מתאבל זיין?**

אונז ווייסן ס'איז דא מנהגים פון אבילות, צו ס'איז זיך נישט שערן, צו שבוע שחל בו ט' באב, ס'פראוועט זיך א אבילות. ס'איז דא וואס זיי זאגן תיקון חצות. מ'וויינט, ס'איז טעג ס'איז עפעס אזעלכע שווערע טעג. ס'דא אסאך מענטשן וואס זיי ווילן אנטלויפן פון די טעג. ווען זאגט זיי פרעגן: וואס איז דא די טעג? וועלן זיי זאגן: איך ווייס נישט! רעד נישט מיט מיר וועגן דעם! - קוקן קוקט עס אויס אז מ'וויל אנטלויפן פון עצבות, פון די צובראכנקייט. אבער באמת נישט דאס איז די נקודה, די נקודה איז פשוט מ'ווייסט נישט וואס מיינט די טעג. ממילא טאמער וועסט שוין טרעפן איינער וויינט ט' באב, וועסטו גוט בודק זיין וועסטו זעהן אז ער וויינט אויף זיינע צרות. ער וויינט נישט אויף קיין חורבן, און נישט אויף קיין זאך, ער וויינט אויף די זאכן וואס ס'גייט אים נעבעך נישט אזוי גוט, ער האט נישט קיין באקוועמער לעבן, און ער ווייסט אז ווען משיח וועט קומען וועט ווערן גוט, און דער בעל חוב זאגט אז ס'וועט וואקסן שטרות אויפן בוים, און דער עשיר זאגט אז די געלט וועט וואקסן אין דעם טייל פון א וואו ער האלט זיינע נכסים, אבער באמת טרעפן א מענטש זאל וויינען איז זייער שווער. פארוואס זאל ער וויינען?

איך וועל פרעגן א שאלה: א מענטש וואס האט געהאט קרובים ביי די לאגערן, רעדסט מיט אים וועגן די לאגערן ווערט ער זייער צורודערט. אבער ווען דו וועסט רעדן מיט אים וועגן גזירות ת"ח-ת"ט אדער וועגן גירוש ספרד - וואס ס'איז געווען דעמאלטס מורא'דיגע רציחות מיט שחיטות - ס'וועט נישט רעדן צו אים. די זעלבע זאך א מענטש וואס האט נישט געוואוינט אין די מדינות וואס איז געווען די לאגער ווערט נישט אזוי צורודערט ווי א מענטש וואס האט געהאט קרובים ביי די לאגערן.

איז פרעגט זיך א שאלה, ווי ווערן אונז נתעורר? מ'קען זיך אוועקשטעלן שבעה-עשר בתמוז, פאסטן, און זאגן די סליחות, און דערמאנען ביטול התמיד, מיט "הובקעה העיר", מיט אלע זאכן, פארוואס זאל זיך א מענטש אויפוועקן? און די הויבט שאלה פרעגט זיך פארוואס טאקע דערוועקן אונז זיך נישט פון דעם גאנצן תשעה באב און די אלע זאכן?

**דער באשעפער - א איד - די אהבה צווישן זיי**

נאר דער הסבר, איז זייער זייער א געשמאקער הסבר, נאך ווען מ'וועט דאס האבן וועט מען ויסן וואס מ'דארף דא אנקומען.

א מענטש ווען ער ווייסט נישט וואס דאס הייסט אויבערשטער. ער האט קיינמאל נישט געלערנט, ער דאווענט יעדן טאג צום באשעפער אבער ס'באדערט אים נישט די גרויסקייט פון אויבערשטן, ער איז נישט געזעצן אויף א שער יחוד ואמונה פון אלטן רבי'ן, נישט דורכגעטוהן וואס הייסט אויבערשטער. ער ווייסט אויך נישט וואס דאס הייסט א איד, די חשיבות פון א איד, און די דריטע זאך - די שייכות פון דעם איד צום אויבערשטן.

דהיינו ס'פעלט אים דריי זאכן: א) דער גרויסער באשעפער קודם ווער ער איז, א גוטער באשעפער. ב) די גרויסע זאך וואס הייסט איד, ער האט עס נישט ארויס. ג)און צו דער צו די אהבה פון אויבערשטן צום איד און פון איד צום אויבערשטן.

נאך ווען ער דערקענט אן שטארק וואס דאס הייסט באשעפער, ער זוכט דעם אויבערשטן. נאך וואס ער דערקענט אן וואס דאס הייסט א איד. נאכדעם ווען ער שטעלט די אלע זאכן צאם - באדרט אים חורבן בית המקדש.

איך וועל גיבן א משל. אמאל איז געווען א מענטש, קומט צו צו אים איינער און פרעגט אים: דו ווייסט אז ס'איז דא עפעס א גוי וואס וואוינט אין אמריקה וואס רעדט מורא'דיג פון דיין חשיבות, ער האט דיר מורא'דיג ליב. וועט ער זאגן: וואס אינטערעסירט מיר וואס יענער האט מיר ליב, איך קען אים נישט איך וויל אים נישט קענען, ער האט נישט קיין שום שייכות צו אים.

מ'גייט צו צו א איד און מ'זאגט אים וויסט אז דער באשעפער האט דיר ליב. אבער ער טראכט ביי זיך: איך ווייס נישט ווער איז דער באשעפער, איך האב זיך קיינמאל נישט געפארעט מיט אים, פארוואס זאל איך זיין פריילך אז דער באשעפער האט מיר ליב? ווען איך ווייס וואס הייסט דער באשעפער, איך זוך אים - און איך ווייס ער זוכט מיר, האב איך א גרויסע שייכות צו דעם.

### *ייסורים - א סימן חיים*

צו עס נאך מער פארשטיין, ס'איז אמאל געווען איינער ער האט געהאט א שטארקע עקסידענט. א מאשין איז אריינגעפארן אין אים. ער איז צאמגעפאלן, ס'איז געקומען צו אים הצלה צו ראטעווען. ער ליגט, ער איז גארנישט מגיב, ער איז נישט ביי זיך. מ'האט אים אנגעהויבן געבן לופט, מיט בלוט, אין די מינוט וואס ער וועט עפענען די מויל און זאגן איי, ס'טוהט מיט ווי מיין פוס איך האב צובראכן א פוס וועט דער גאנצער עולם זיך פרייען ארום און ארום. וואס איז די גרויסע שמחה? אה, ער שפירט שוין. איז דער טייטש די ערשטע זאך דער מענטש לעבט, דער עצם זאך אז ער שפירט שוין יסורים - דאס איז א סימן אז ער לעבט.

אונז איינע פון די זאכן וואס אונז שפירן נישט די יסורים פון דעם גלות, ווייל אונז זענען אין א בחינה וואס אונז לעבן נישט. אונז ווייסן נישט וואס הייסט אויבערשטער, אונז ווייסן נישט וואס הייסט אונזער אמת'ער לעבן, און אז מ'איז נישט משיג אין אונזער אמת'ער לעבן זוכט מען נישט די זאך. און אין די מינוט וואס דאס הייסט דער גרויסער באשעפער, וועט אריינשיינען די גרויסקייט וואס דאס הייסט א איד, וועט אריינשיינען די שייכות פון דעם, דעמאלטס וועט קענען אנהויבן ווי טאהן.

### *כל רודפי י-ה השיגו י-ה בין המיצרים*

נאך ווען מ'ווייסט די הקדמה - קען מען אנהויבן פארשטיין, ס'איז ידוע, פון הייליגן מעזריטשער מגיד (עיי' פרי צדיק מטות ד"ה איתא), כל רודפיה השיגוה בין המצרים, אין אלע חסידי'שע ספרים קאכן אז די טעג איז גאר מסוגל אויף קרבת ה'. צו אין חב"ד רעדט מען דעם נושא וואס רופט זיך מלך בשדה א.א.וו.. אבער ווען איך זוך נישט דעם מלך, און ס'איז נישט רודפי קה, איז וואס זיך איך צו משיג זיין?

א מענטש וואס ער זוכט דעם אויבערשטן, איז מסוגל די טעג. און א מענטש וואס האט ביז יעצט נישט געוואוסט - איז די טעג מסוגל צו יא אנהויבן זוכן אויבערשטער, יא אנהויבן זוכן וואס הייסט די חשיבות פון א איד, און יא אנהויבן זוכן דער שייכות.

ממילא וועט מען פארשטיין פארוואס דער עבודת ישראל (ליקוטים אבות ד"ה ר' אליעזר) קאכט שטארק אז דאס איז גאר א הכנה אויף אלול. אוון מ'דארף פארשטיין, מיר זיצן דריי וואכן אויפן ערד און וויינען און דאס איז א הכנה אויף אלול? ניין די הכנה אויף אלול איז אז דו קענסט גוט צוגרייטן וואס דאס הייסט א איד, און וואס דאס הייסט אויבערשטער, און וואס דאס הייסט די שייכות - א וודאי וועט קומען א גוטע תשובה, ס'וועט קומען א מלך, וועט ממליך זיין דעם אויבערשטן, ס'קומט א נייע ימים נוראים. ס'איז עפעס א אנדער מעשה אינגאנצן.

### *די אלע פעולות אין די דריי וואכן - א איינגערקענונג אין די דריי אויבענדערמאנטע זאכן*

קומט אויס למעשה איז א איד דארף וויסן אז די טעג פון די דריי וואכן, די אלע זאכן וואס מ'טוהט - למשל, א שבעה-עשר בתמוז, פאסטן. - פאסטן איז ידוע אז ס'נעמט אראפ אביסל דעם גוף. נו, וועסטו תשובה טוהן, האב איך תשובה געטוהן. און די אגרא דתעניתא צדקתא (ברכות ו, ב) איך האב געגעבן אביסל צדקה אויכעט, "חטאך בצדקה פרוק" (דניאל ד, כד). נו, צום סוף האב איך אויסגעפאסט איך האב טאקע געזאגט די סליחות, איך האב געליינט, איז וואס?

אבער טאמער דו ווייסט אז פון דעם דארפסטו טרעפן דעם אויבערשטער, איז מיט דעם וואס איך האב געפאסט, מיין גוף איז געווארן שוואכער, אבער דער אויבערשטער איז געווארן שטארקער ביי מיר. איך זוך דעם באשעפער. איך גיב די צדקה פון דעם תענית, איז צדקה איז מיר מקרב צום אויבערשטן. די אלע זאכן ווען ס'וועט מיר באדערן דעם ביטול התמיד, ווייל איך בין געווען תמיד צוגעטשעפעט צום אויבערשטן, און ס'איז ביטול דער תמיד, דער קשר צום אויבערשטן וואס רופט זיך קרבנות.

ממילא, וואס קומט ארויס למעשה אז אונז דארפן די דריי וואכן אריינלייגן אסאך כוחות, מגלה זיין דעם אויבערשטן, מגלה זיין דעם איד, און דער שייכות פון דעם איד צום אויבערשטן.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אונז זאלן לעבן באמת אין די נקודה פון דעם, זאל זיין כל רודפיה השיגוה בין המצרים, זאל דערגרייכן באמת צו אונזער עבודה פון זיין מקושר צום אויבערשטן.

### *פארוואס שפירט מען נישט די אבילות?*

און דער הסבר פארוואס שפירן אונז נישט דעם חורבן בית המקדש, האט מען מסביר געווען אז מ'וועט קודם וויסן וואס דאס הייסט רבש"ע, וואס הייסט כביכול הקב"ה. שפעטער וועט מען וויסן וואס הייסט א איד, די שייכות פון דעם איד צו מגלה זיין דעם אויבערשטן אויף די וועלט, דער קשר. ממילא וועט מען שוין אויכעט שפירן וואס דאס הייסט חורבן בית המקדש.

און ווי אויבן דערמאנט דער משל פון די עקסידענט, אונז זענען א בחינה פון רח"ל אזוי ווי טויטע מענטשן. אונז שפירן נישט. מ'וועט זיך אויפוועקן ווען מען ווערן דערוועקט.

### *אבינו! טאטע! - א געשריי וואס ברענגט רחמים*

אונז ווייסן ביי א תענית, איינע פון די זאכן וואס אונז זאגן ביים דאווענען

אבינו מלכינו. וואס איז דאס דער אבינו, יעדן מאל וואס מ'דערמאנט דער ווארט אבינו, וואס וויל מען דא. ס'איז אמאל געווען א קינד וואס איז געלעגן אין בעט, און געווען זייער זייער קראנק. ממש במצב של פיקוח נפש. געהאט הויעך פיבער, און געלעגן רח"ל אויף זייער א שווערן מצב. דער טאטע שטייט לעבן בעט, ער גלייבט און דאוונט. ווען דער קינד גיט א שריי ארויס, דער קינד שפירט שוין, ער קען שוין גארנישט טוהן אבער ער גיט א שריי דער ווארט 'טאטע!', ווערט נתעורר אזעלכע רחמים אין דעם טאטן, ס'הויבט אים אן רינען טרערן. וואס האט דער קינד יעצט געטוהן ביים טאטן? דער טאטע האט נישט געוואוסט ביז יעצט אז דער מצב איז ווי מ'שטייט!? ער ווייסט זייער גוט, אבער ווען ער שרייט ארויס דעם ווארט 'טאטע', ווערט אזא סארט רחמים אז ס'הויבט אים אן גיסן טרערן פון די אויגן פון רוב רחמנות. ער איז מעורר די אלע הרגשי רחמנות, וואס איז שוין געווען אביסל, צו ס'איז געווען איינגעשלאפן, צו צוגעוואוינט - אלעס ווערט ער דערוועקט ביי אים. און דער טאטע וויל העלפן די מערסטע פארן קינד.

אונז שטעלן זיך אוועק ביי א תענית און מ'זאגט דער ווארט אבינו מלכינו. אדער יעדער מאל וואס אונז ווילן ארויסגעבן דער ווארט, אונז שרייען דער ווארט 'טאטע', ווערט כביכול הקב"ה דערווארעמט פון דעם, און ער וויל אונז העלפן.

ממילא אונז זאגן: "סלח לנו 'אבינו' כי חטאנו", אדער אונז זאגן: "השיבנו 'אבינו' לתורתך". מ'וויל ערוועקן דער ווארט אבינו און די רחמים זאל זיך ערוועקן צו אונז.

די זעלבע זאך, אונז דארפן אבער נאך אויפוועקן אין אונז וואס איז דער אבינו, ווער איז דער אבינו, ווער איז דער אויבערשטער.

### ***דער כח און דער חיות פון די גאנצע וועלט***

מיר וועלן אנהויבן אריינגיין א טראפאלע אין דער חלק וואס דאס הייסט אז דער אויבערשטער איז דא אין די גאנצע וועלט, און אז מ'וועט לעבן אין די נקודה ווי מער אז דער אויבערשטער איז דא אין די וועלט, און דער שייכות פון אויבערשטן צו אונז - וועט מען זיך קענען ערוועקן אין דעם חסרון פון דעם נקודה פון דעם בית המקדש.

צו פארשטיין אז אן דעם אויבערשטן שטייט נישט די וועלט און ס'איז גארנישט דא. אביסל צו האבן א קשר צו דעם און צו עס חזר'ן, וועט מען ברענגען א שטיקל משל. - א מענטש איז אריין אין א ריזיגע פאבריק, ס'איז דא זייער אסאך מאשינען דארט. אבער אלעס שטייט. פרעגט ער: פארוואס ארבעט נישט דער פאבריק? זאגט מען אים: וואס הייסט? דו זעהסט נישט? ס'איז נישטא דא עלקטרי'!. כדי א מאשין זאל ארבעטן מוז זיין לעקטרי. זאגט ער: וואס איז דאס לעקטערי? איך פארשטיי נישט איך זעה אלעס איז דא. אלס קלאפט. אוואו פעלט דא לעקטרי'?. אבער דער הסבר איז פשוט, דאס איז אלס א דומם, ס'איז אלס שטיקער זאכן. דאס דארף באקומען אזא זאך וואס רופט זיך חיות פון לעקטערי. זאגט ער איך האב קיינמאל נישט געזעהן ווי ס'קוקט אויס. פרעגן די אלע מענטשן וואס זיי שטייען דארט, איינער האט אמאל געטאפט לעקטערי? איינער האט עס געזעהן, ווי קוקט עס אויס, וואס א קאליר האט עס? אלע וועלן זאגן ניין, איך האב נישט געזעהן, איך ווייס נישט דעם קאליר, און טאמער וועסט עס טאפן וועסטו עס אין מאל אין דיין לעבן טאפן ווייל שפעטער לעבסטו שוין נישט. ס'איז עפעס אזא זאך וואס מ'זעהט נישט. דער מענטש שטייט ערשטוינט: איך פארשטיי נישט וועגן די קלייניקייט שטייט דא אלע פאבריקן? און דער ענטפער איז: יא! וועגן די קלייניקייט, די זאך איז נישט קיין קלייניקייט, דאס מאכט אז די מאשינען זאלן ארבעטן.

נאך מער, "מבשרי אחזה אלוק". א מענטש האט א נשמה, האסט אמאל געזעהן די קאליר פון נשמה? אין דיין לעבן האסטו עס נישט געזעהן. ווי קוקט עס אויס? אבער דו ווייסט אז דער גרויסער גוף ווי ס'קוקט אויס, על קרבו ועל כרעיו, ווען דאס האט נישט דער ווארט נשמה איז דאס טויט. איי אלע אדערן איז דא, אלעס ארבעט, נאר איין זאך איז נישטא, די זאך וואס רופט זיך נשמה.

די זעלבע זאך, דארף א מענטש זיך חזר'ן אז ס'איז דא אזא זאך וואס רופט זיך בריאה, אבער ס'איז א גרויסער גולם, ס'איז גארנישט מיט נישט. ווען ס'איז נישטא אין דעם אזא זאך וואס רופט זיך בורא, וואס ער איז דאס מחיה נאכאנאנד, ואתה מחיה את כולם (נחמיה ט, ו), לעבט נישט די גאנצע בריאה.

איז קודם פארשטייט מען דער ערשטער טרעפל, וואס איז נאך נישט די אמת'ע נקודה וואס דאס הייסט אז דער אויבערשטער איז מהווה הכל. אבער קודם זאל מען פארשטיין דעם ערשטן טרעפל אז אן באשעפער לעבט נישט די זאך.

### ***יש מאין***

יעצט וועט מען גיין נאך א טרעפל.

איך גיי אריין אין דעם פאבריק און איך זעה גרויסע אייזנעס מיט מאשינען, איך זעה א מענטש, אבער ווער האט קודם פאבריצירט דעם מענטש, ווער האט קודם פאבריצירט די אייזנעס, און ווער האט געמאכט די בריאה זאל בכלל זיין א בריאה? דאס גייט נאך א טרעפל. און מ'פארשטייט אז ס'איז דא אזא זאך יש מאין, די וועלט איז געווען א אין. ס'איז גארנישט געווען. כביכול הקב"ה האט עס געמאכט פאר א יש. אה, דאס איז שוין נישט פונקט ווי פריער, וואס איז דא א מאשין וואס מ'דארף אריינלייגן אין דעם לעקטער. די ערשטע זאך דא איז געווארן א יש מאין. א זאך פון גארנישט.

און דער אמת - און לאמיר עס רופן דער טבע (ווי אונז רופן א זאך וואס ס'גייט כסדרן רופט מען טבע, און א זאך וואס איז נישט כסדרן רופט מען שלא כדרך הטבע). - דער טבע וועט זיין אז ס'איז גארנישט, און דער

אויבערשטער האט געמאכט א שידוד הטבע, האט אוועק גערוקט פון דעם טבע און געמאכט אזא סארט זאך וואס רופט זיך עולם.

יעצט, ווען איינער מאכט א כלי, ער נעמט א שטיק אייזן, ער צוגיסט עס און מאכט א כלי, נעמט ער א יש און מאכט א יש. ער נעמט א שטיקל האלץ מאכט פון דעם א טיש, איז דער האלץ איז שוין א יש, און ער מאכט פון דעם א יש. אבער א יש מאין איז שוין א בחינה, כדי א טראפאלע צו פארשטיין א יש מאין וועט מען פארשטיין אז ווען מ'לייגט אריין תבואה אין די ערד, מ'זייט איין תבואה, די תבואה ווערט קאליע! ער ווערט אויף גארנישט. ער ווערט אויף א דינע ליחה, און נאכן ווערן פון א דינע ליחה ווערט ער א נייע תבואה וואס פון דעם גייט לעבן די וועלט! ס'קומט אראפ חיים אויף די וועלט. אבער ס'קומט עפעס א בחינה אביסאלע א יש, טאקע א יש מיש, אבער אינמיטן ווערט עס אזא בחינת אין. כביכול הקב"ה האט באשאפן די וועלט כדי דער יש זאל האבן א מציאות דארף ער עס נאכאנאנד האלטן פון אין צום יש.

און צום ביי שפיל. יעדער מאל - דער אויבערשטער זאל אפהיטן - ווען עפעס פאסירט אויף די וועלט א זאך וואס די שידוד הטבע איז בשעת דעם שידוד הטבע, צ.ב. - דער אויבערשטער זאל אפהיטן - א רוח סערה, א שרעקליכע רוח סערה. אדער אין ים און איז דא א ערד-ציטערניש אין ים און ס'ווערט א פארפלייצונגען, אבער ס'האט זיך געענדיגט די פארפלייצונג גייט צוריק אלעס צום טבע. ס'ווערט אלץ איינגעשטעלט אין דעם סדר הבריאה וואס דאס איז. אבער ווען נאכאנאנד ווערט נישט אזוי, כדי ס'זאל זיין נאכאנאנד פארפלייצונגען מוז זיין נאכאנאנד עפעס א זאך וואס איז נישט אין דעם סדר הבריאה.

היות מ'האט דאך פריער מסביר געווען אז דער אַיִן - דאס איז געווען די ארגינאלע זאך. איז דער אויבערשטער האט געמאכט א שעבוד הטבע, ס'איז געווארן א יש, דארף ער נאכאנאנד צוהאלטן אז דער יש זאל זיין נאכאנאנד א יש. קומט אויס אז דער אויבערשטער איז דא נאכאנאנד אין די בריאה.

***ווייסנדיג וואס איז כביכול דער באשעפער, א איד און דער ביהמ"ק - וועט מען זיך מתאבל זיין***

א עקסטערן שיעור וועט זיין - וואס איז דאס איד. אבער קודם דארף מען זיך מתחבר זיין וואס דאס הייסט דער אויבערשטער איז אין די בריאה נאכאנאנד. און אז מ'שטעלט זיך אוועק ביים דאווענען און מ'זאגט ואתה מחיה את כולם (נחמיה ט, ו), ווי דער בעל התניא זאגט (שער היחוד והאמונה פ"ב ד"ה והנה מכאן) ואתה מהוה את כולם, זאל מען וויסן אז וואס דיין אויג זעהט איז דער טייטש אז דער אויבערשטער איז יעצט מהוה די בריאה. ער איז יעצט דיר מהוה, ער איז מהוה דיין סביבה, ער איז מהוה דיין בעט. ווען נישט דער יסוד בדבר ה' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם (תהלים לג, ו), וואס דער בעש"ט פלעגט חזר'ן נאכאנאנד אז דער מאמרו של הקב"ה, בעשרה מאמרות נברא העולם, און במאמר פיו, ממילא ווערט יעדער זאך נברא. און פארוואס טאקע איז דא א שינוי, דא איז דא האלץ און דא איז דא אייזן. טאמער אלץ איז מאמרו של הקב"ה וואלט אלעס געווען איין שטיק יש. ניין. נאר ס'ווערט גערופן אותיות התורה, "קודשא בריך הוא אסתכל באורייתא וברא עלמא" (זוה"ק ח"ב קסא ע"א), און דורך די אותיות, אותיות שולחן איז מהוה א טיש, אותיות עץ איז מהוה א האלץ, ברזל איז אייזן. ס'איז מהוה נייע סארט. ווייל ס'איז נייע ציורים פון אותיות התורה ווערט נייע ציורים אין די התהוות פון דעם עולם הזה. אבער אלץ ווייטער איז דער דבר ה' - די אותיות התורה, און דער כח ה' אין די בריאה.

ממילא ווען אונז הויבן אן כאפן אז ס'איז דא א בריאה וואס אלץ דער אויבערשטער איז מהוה. מ'רופט עס עולם, ווייל ס'איז מעלים דעם אויבערשטן. מ'זעהט נישט אויבערשטן, מ'זעהט טבע. אבער דער אמת שבדבר איז כביכול הקב"ה, נאכדעם ווען מ'וועט האבן קלאר וואס דאס הייסט כביכול הקב"ה, נאך וואס מ'וועט אויסקאכן וואס דאס הייסט א איד, און בעז"ה נאך א שיעור וועט זיין וואס דאס הייסט בית המקדש אז דעמאלטס איז נתגלה, ס'איז יתגדל ויתקדש פון דעם נאמען דורך אונז - אידן, דורך די קרבנות, דורך די גאנצער הלוך ילך - וועט מען באמת צוקומען צו די נקודה וואס דאס הייסט וויינען תשעה באב אויפן חורבן בית המקדש.

## טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**א פרייליכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065  אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**